# י"א ניסן

## ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנ"ש שיחיו שברכו אותו, אור לי"א ניסן ה'תשד"מ, לאחרי תפלת ערבית

דער אויבערשטער וועט זיכער מקיים זיין די הבטחה פון תורתנו תורת אמת און תורת חיים, אַז כל המברך מתברך[1] בברכתו של הקב"ה, שתוספתו מרובה על העיקר[2],

זאָל אַזוי זיין בפועל ולמטה מעשרה טפחים, לכל אחד ואחת המברכים בתוך כלל ישראל בכל מקום שהם — בטוב הנראה והנגלה, בגשמיות וברוחניות גם יחד,

אָנהויבנדיק פון די הכנות צו ימי הפסח באופן הכי מוצלח, און דערנאָך — חג הפסח כשר ושמח,

און ס'זאָל מקויים ווערן בקרוב ממש „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[3] בפועל, און ווי געבראַכט אין חסידות[4] פון זהר[5] ופע"ח[6] — אַז דאָס מיינט אַז לע"ל וועלן זיין נפלאות אפילו בערך פון די נפלאות בימי צאתך מארץ מצרים,

און אויך: אַזוי ווי דעמולט (בימי צאתך מארץ מצרים) איז געווען נאָך אין די לעצטע רגעים פון גלות אַ מצב פון „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[7] — זאָל אַזוי אויך זיין אור בכל הפרטים נאָך אין די לעצטע טעג פון גלות זה האחרון.

און דאָס זאָל נאָכמער צואיילן אַז „בני ישראל יוצאים ביד רמה" אין די גאולה העתידה (אַזוי ווי ס'איז געווען בגאולת מצרים[8]), ובאופן פון „מיד הן נגאלין",

---

1) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי (ברכות ספ"ח) הובא בתוד"ה ואברכה — חולין מט, א.

2) ב"ר פס"א, ד. ועוד. וראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 422 ואילך.

3) מיכה ז, טו.

4) אוה"ת נ"ך (כרך א) עה"פ (ע' תפז) סק"ז־ח. וראה שער האמונה פט"ז.

5) זח"א השמטות סכ"ה — מדמסיים באוה"ת סק"ז שם וי"ל אראנו כו' לע"ל משמע דכן הוא בפי' בזוהר ולא דהפע"ח מחדש!

6) שחהמ"צ פ"ו.

7) בא י, כג.

8) בשלח יד, ח.

כפס"ד הרמב"ם אין הלכה[9], וואָס „מיד" ע"פ הלכה דאָ[10] מיינט דאָס „מיד" בפועל, אַ סך ווייניקער ווי עטלעכע טעג[11] —

זאָל דאָס זיין בפועל ומתוך שמחה ובטוב לבב,

ו„בנעָרינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו" (כימי צאתך מארמ"צ)[12] זאָל זיין דער „קהל גדול ישובו הנה"[13], שלימות העם, צוזאַמען מיט „כספם וזהבם אתם"[14], וואָס דאָס איז דאָך מרמז אויך אויף אהבה ויראה[15], וואָס זיי זיינען דאָך אַ מקור ושרש ויסוד אויף מצות עשה און מצות לא תעשה, כמבואר אין ספר תניא קדישא[16] — זאָל דאָס אויך זיין בשלימות — שלימות התורה,

און געפינען אויך שלימות הארץ, נאָך אין די איצטידיקע טעג, מתוך שמחה ומנוחת הנפש ומנוחת הגוף,

און בקרוב ממש זאָל אויך זיין „כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[17],

ע"י משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן ממש.

---

9) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

10) ראה שם ה"ז: מיד כו' טרם יקראו.

11) ראה שד"ח כללים מערכת מיד. וש"נ. וראה אגה"ת עם ליקוט פירושים כו' — קה"ת, תשמ"ו — (ע' קמא ובהערה) בנוגע להוספת אדה"ז באגה"ת פי"א „תיכף ומיד" (ולא „מיד" סתם).

12) בא י, ט.

13) ירמי' לא, ז.

14) ישעי' ס, ט.

15) ראה תו"א ר"פ וישב. תו"ח שם (נח, א ואילך). לקו"ת בהעלותך לב, ד. ובכ"מ.

16) פ"ד (ח, א).

17) ראה יב, כ. וראה ספרי עה"פ. פרש"י שופטים יט, יח. ועוד.